# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסד ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת אמור, י"ג אייר, אבות פרק ג', שנת תשע"ו לפ"ק

שנה 5, גליון 37 (242)


**זמנים**

הדלקת הנרות..................7:54
סוף זמן קר"ש..................8:37
מוצאי שב"ק....................9:25

**שיעורים כסדרן**

בבלי.....................קידושין ע"א
ירושלמי................תענית כ"ב
תוספתא..........קרבנות פרק ג'
נ"ך................ישעיהו מ"ח-מ"ט

## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֱמֹר אֶל הַכֹּהֲנִים בְּנֵי אַהֲרֹן וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם.** זָאגְט רַשִׁ"י: **אֱמֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.**

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רס"א) אַז אֲפִילוּ וֶוען אַ מֶענְטְש פַּאלְט פוּן זַיינֶע מַדְרֵגוֹת אִיז עֶס אוֹיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וַוייל אַזוֹי וֶועט דֶער מֶענְטְש זִיךְ מוּזְן בַּאנַייעְן, עֶר וֶועט מוּזְן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט גוּט פַאר'ן מֶענְטְש, עֶר לֶערְנְט, עֶר דַאווֶענְט, אוּן עֶר פִילְט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן אַ חִיוּת אִין עֲבוֹדַת ה'. דַארְף עֶר אָבֶּער גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס קֶען קוּמֶען אַ צַייט וָואס עֶר וֶועט גָארְנִישְׁט פִילְן, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל אוּן אוֹיסְגֶעלָאשְׁן, עֶר וֶועט נִישְׁט פִילְן קַיין שׁוּם חִיוּת. אָבֶּער עֶר וֶועט זִיךְ מוּזְן שְׁטַארְקְן אוּן דֶערְהַאלְטְן, אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס אִיז פְּשַׁט, **אֱמוֹר וְאָמַרְתָּ, לְהַזְהִיר גְּדוֹלִים עַל הַקְּטַנִּים.** מֶען דַארְף וָוארֶענֶען דִי גְרוֹיסֶע אוֹיף דִי קְלֵיינֶע. דָאס מֵיינְט אַז אִין דִי צַייט וָואס עֶס גֵייט גוּט פַאר'ן מֶענְטְש עֶר הָאט חִיוּת; זָאל עֶר זִיךְ צוּגְרֵייטְן פַאר דִי שְׁוֶוערֶע טֶעג, צוּ דִי צַייטְן וָואס עֶר וֶועט זַיין פוּל מִיט חֲלִישׁוּת הַדַעַת, עֶס וֶועט אִים זַיין אִינְגַאנְצְן טוּנְקְל, אַז עֶר זָאל זִיךְ דֶעמָאלְט אוֹיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה אֱמוֹר א')

***

**אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל אֱלֹקָיו וְנָשָׂא חֶטְאוֹ.** לִכְאוֹרָה אִיז שְׁוֶוער פַארְוָואס דֶער פָּסוּק כַאפְּט אָן דִי לָשׁוֹן **"אֱלֹקָיו" - "זַיין" בַּאשֶׁעפֶער**, אוּן נִישְׁט דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע לָשׁוֹן **"אֱלֹקִים" - דֶער בַּאשֶׁעפֶער.**

מוֹהַרָא"ש אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ל"ו) אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קוּמְט אַרָאפּ אַ פָּשׁוּט'עֶ לִיכְטִיגְקַייט, וָואס קֶען וֶוערְן אוֹיסְגֶעטַייטְשְׁט צוּ גוּטְס, אָדֶער צוּ שְׁלֶעכְטְס.

אוֹיבּ דֶער מֶענְטְש גְלֵייבְּט אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מֵיינְט שְׁטֶענְדִיג זַיין גוּטְס, דֶעמָאלְט הָאט עֶר אַ גֶעשְׁמַאקֶע גְלִיקְלִיכֶע לֶעבְּן. אוֹיבּ אָבֶּער דֶער מֶענְטְש רֶעדְט זִיךְ אַיין, אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים נִישְׁט לִיבּ, אוּן עֶר ווִיל זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נוֹקֵם זַיין אִין אִים, דַאן הָאט דֶער מֶענְטְש אַ שְׁלֶעכְט לֶעבְּן. אַלֶעם וֶוענְדְט זִיךְ אִין דֶעם מֶענְטְש אַלֵיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. **אִישׁ אִישׁ כִּי יְקַלֵּל "אֱלֹקָיו" וְנָשָׂא חֶטְאוֹ**, אַ מֶענְטְש שֶׁעלְט נָאר "זַיין" בַּאשֶׁעפֶער, דָאס מֵיינְט אַז עֶר שֶׁעלְט נָאר וַוייל עֶר רֶעדְט זִיךְ אַיין אַ בַּאשֶׁעפֶער לוֹיט וִוי זַיין מֹחַ הָאט אוֹיסְגֶעטְרַאכְט, אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ גוּטֶער בַּאשֶׁעפֶער וָואס ווִיל אוּנְז נָאר הֶעלְפְן שְׁטֶענְדִיג.

(תּוֹךְ הַנַּחַל, לֵיל שב"ק, אֱמוֹר תש"ם)

## שִׂיחוֹת מוֹהַרָא"ש

### ~ לַ"ג בָּעוֹמֶר ~

דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, עֶס וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן דִי "יוֹמָא דְהִילוּלָא" פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי, דֶער טָאג אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן'ס פֶּערְזֶענְלִיכֶע שִׂמְחָה. עֶר טֵיילְט דֶעמָאלְט אוֹיס טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי וִוי רַייכֶע מְחוּתָּנִים פִירְן זִיךְ צוּ טֵיילְן בַּיי אַ שִׂמְחָה טֵייעֶרֶע מַתָּנוֹת, אוּן אַזוֹי טֵיילְט רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (בְּרָכוֹת ט.) "כְּדַאי הוּא רֶבִּי שִׁמְעוֹן לִסְמֹךְ עָלָיו בִּשְׁעַת הַדְחַק". צַדִיקִים הָאבְּן דָאס גֶעטַייטְשְׁט אַז וֶוען אַ אִיד גֶעפִינְט זִיךְ אִין אַ שְׁעַת הַדְחַק, עֶס אִיז אִים עֶנְג, עֶר אִיז אִין אַ צָרָה, קֶען עֶר גֶעהָאלְפְן וֶוערְן אִין דִי זְכוּת פוּן דֶעם גְרוֹיסְן תַּנָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאִי.

אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין דֶעם טָאג פוּן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען זִיךְ אָבֶּער בַּאהֶעפְטְן צוּם צַדִיק פוּן וואוּ עֶר אִיז. דָאס וֶוערְט גֶערֶעכְנְט מַמָשׁ אַזוֹי וִוי מֶען אִיז דָארְט, וַוייל וואוּ דֶער מֶענְטְש טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ.

דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער טָאג, מֶען קֶען דֶעמָאלְט פוֹעֶלְ'ן אַלֶעס גוּטְס, מֶען זֶעצְט זִיךְ אַוֶועק אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס מֶען וִויל, אִין זְכוּת פוּנֶעם בַּעַל הִילוּלָא רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי.

סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען עֶפְנְט אוֹיף אַ סֵפֶר הַזֹּהַר, מֶען זִיצְט אוֹיפְ'ן סֵפֶר, אוּן מֶען רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט דָאס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיים צִיוּן. אַזוֹי וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אִין סֵפֶר "מְאוֹר עֵינַיִם" (יִשְׂמַח לֵב, מַסֶכֶת שַׁבָּת) אַז דֶער צַדִיק אִיז בַּאהַאלְטְן אִין זַיין סֵפֶר. אוּן אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן קצ"ב) אַז דֶער פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִיק לִיגְט אִין זַיין סֵפֶר, אוּן דֶערְפַאר וֶוען מֶען זִיצְט בַּיים סֵפֶר פוּנֶעם צַדִיק וֶוערְט עֶס גֶערֶעכְנְט אַזוֹי וִוי מֶען אִיז בַּיי זַיין צִיוּן.

אַוַדַאי וֶוער עֶס אִיז יָא זוֹכֶה צוּ פָארְן אוֹיף מִירוֹן צוּ זַיין מַמָשׁ בַּיים צִיוּן אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע זַאךְ פוּן דֶעם. אֲפִילוּ אַ גַאנְץ יָאר אִיז אוֹיךְ זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ גֵיין צוּ קֵבֶר פוּן אַ צַדִיק, אוּן זִיכֶער וֶוען עֶס אִיז אִין דִי יוֹמָא דְהִילוּלָא פוּן דֶעם צַדִיק. אוּן נָאכְדֶערְצוּ בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן לַ"ג בָּעוֹמֶר, קֶען מֶען זִיכֶער

המשך בדף ב

# דִי לֶעבְּנְס גֶעשִׁיכְטֶע פוּן כ"ק מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

## צְדָקַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס

מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן אַ סְגוּלָה צוּ טְרֶעפְן אַ פַארְלוֹירֶענֶע זַאךְ, אַז מֶען זָאל צוּזָאגְן צוּ גֶעבְּן צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, זָאגְן דְרֵיי מָאל "אֱלָקָא דְמֵאִיר עֲנֵנִי", אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מֶען זָאל טְרֶעפְן דִי אֲבֵידָה אִין זְכוּת פוּן רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, אוּן דַאן וֶועט מֶען זִיכֶער טְרֶעפְן דִי אֲבֵידָה.

אֵיינְמָאל הָאט פַּאסִירְט אַ מַעֲשֶׂה וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט אֵיינֶע פוּן זַיינֶע קִינְדֶער, דִי שַׁבָּת שֶׁבַע בְּרָכוֹת אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ אִינְדֶערְהֵיים, אוּן פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס בַּיי דִי סְעוּדָה אִיז גֶעוֶוען דָארְט אַ פְרוֹי וָואס הָאט אוֹיסְגֶעטוּן אִיר טֵייעֶרֶע דִיאמַאנְט רִינְגְל פַארְ'ן זִיךְ וַואשְׁן צוּ דִי סְעוּדָה, אוּן נָאכְדֶעם הָאט זִי אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן דֶערְפוּן.

עֶרְשְׁט נָאכְ'ן בֶּענְטְשְׁן הָאט זִי זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז זִי הָאט פַארְלוֹירְן אִיר רִינְגְל, זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ זוּכְן דֶעם רִינְגְל, זִי הָאט גֶעזוּכְט אִיבֶּערָאל אָבֶער זִי הָאט עֶס בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעקֶענְט טְרֶעפְן. זִי הָאט אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט דִי מִיסְט זֶעקְלֶעךְ אוּן אִיבֶּערְגֶעקוּקְט צִי עֶס אִיז נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען בְּטָעוּת אִין דִי מִיסְט, אָבֶער דָארְט אִיז עֶס אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוֶוען. זִי הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען וַוייל דִי טֵייעֶרֶע רִינְגְל הָאט גֶעקָאסְט טוֹיזְנְטֶער דָאלַארְן.

אִינְצְוִוישְׁן אִיז מוֹהֲרָא"שׁ אַרַיינְגֶעקוּמֶען אוּן גֶעזֶען וִוי דִי פְרוֹי זוּכְט עֶפֶּעס בַּיי דִי מִיסְט. עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט וָואס גֵייט פָאר, אוּן זִי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז זִי הָאט פַארְלוֹירְן דִי טֵייעֶרֶע רִינְגְל אוּן זִי קֶען עֶס נִישְׁט טְרֶעפְן.

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זִיךְ זֵייעֶר מְצַעֵר גֶעוֶוען אַז בַּיי זַיין שִׂמְחָה זָאל אַרוֹיסְקוּמֶען אַזַא גְרוֹיסֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ פַאר אַ אִיד. אוּן דַאן הָאט עֶר צוּגֶעזָאגְט צוּ גֶעבְּן נָאךְ שַׁבָּת צְוֵויי אוּן זִיבֶּעצִיג פְּרוּטוֹת פַאר צְדָקַת רֶבִּי מֵאִיר בַּעַל הַנֵּס, אוּן עֶר הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דִי פְרוֹי זָאל שְׁנֶעל טְרֶעפְן דִי אֲבֵידָה.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה

# שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ

פּוּעֶלְ'ן גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת אוּן רְפוּאוֹת אוּן אַלֶעס גוּטְס.

## אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל

דִי וָואס פָארְן יָא קַיין מִירוֹן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר דַארְפְן ווִיסְן אַז רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעפִינְט זִיךְ נִישְׁט נָאר אִין דִי מְעָרָה, נָאר עֶר אִיז אוֹיךְ אִין גַאנְצֶע גֶעגְנְט אַרוּם, אִין דִי גַאנְצֶע בַּארְג פוּן מִירוֹן. דִי גַאנְצֶע בַּארְג הָאט דִי קְדוּשָּׁה פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן, מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין זִיךְ אַרַיינְצוּשְׁטוּפְן אִין דִי מְעָרָה. מֶען טְרֶעפְט זִיךְ אַ רוּאִיג פְּלַאץ אִין אַ ווִינְקְל, אוּן פוּן דָארְט אִיז מֶען זִיךְ מְקַשֵּׁר צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, אוּן מֶען בֶּעט זִיךְ אוֹיס בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס מֶען דַארְף. דֶער זְכוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן מִיט אַלֶע גְרוֹיסֶע צַדִיקִים וָואס לִיגְן דָארְט בַּאהַאלְטְן אִיז זִיכֶער מֵגִין אַז מֶען זָאל שְׁנֶעל גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט וָואס מֶען דַארְף.

אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעט מֶען בַּיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן אִין מִירוֹן, עֶס קוּמֶען זִיךְ צוּזַאם אַלֶע נִשְׁמוֹת-יִשְׂרָאֵל פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס. רַבָּנִים אוּן אַדְמוֹרִי"ם, חֲסִידִים אוּן מִתְנַגְדִים, אַשְׁכְּנַזִים אוּן סְפַרְדִים, אַלֶע קוּמֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוּן גֶעפִינֶען זִיךְ דָאס פְּלַאץ דָארְט, וַוייל דִי גְרוֹיסֶע צַדִיקִים הָאבְּן אַ שְׁפְּרַאךְ צוּ יֶעדְן אִיד אָן אוֹיסְנַאם.

אִין סֵפֶר בֵּית אַהֲרֹן פוּן דֶעם צַדִיק רֶבִּי אַהֲרֹן קַארְלִינֶער זי"ע שְׁטֵייט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לָשׁוֹן: "אַזוֹי ווִי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אַזוֹי אִיז רֶבִּי שִׁמְעוֹן אוֹיךְ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, אוּן אֲפִילוּ פַאר נִידְרִיגֶע מֶענְטְשְׁן". זֶעט מֶען אַז יֶעדֶער אִיד קֶען הָאבְּן חִיוּת פוּן רֶבִּי שִׁמְעוֹן בֶּן יוֹחָאי, אוּן דֶערְפַאר פָארְן אַזוֹיפִיל אִידְן צוּ זַיין צִיוּן, אוּן פּוּעֶלְ'ן אוֹיס אַלֶעס גוּטְס.

## שִׂיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן

דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת בָּנִים סִימָן ס"ג) אַז צוּ שִׂיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר, אִיז אַ סְגוּלָה פַאר קִינְדֶער. דָאס מֵיינְט סַיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן קִינְדֶער, אוּן סַיי אַ סְגוּלָה צוּ הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער, אוּן זֵיי אוֹיפְצִיעֶן גְרִינְגֶערְהֵייט. אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְן זִיךְ צוּ מְקַיֵים זַיין וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט, אוּן שִׂיסְן מִיט אַ פַייל אוּן בּוֹיגְן אוּם לַ"ג בָּעוֹמֶר.

מֶען קֶען דָאס פַארְשְׁטֵיין לוֹיט דִי מַעֲשֶׂה וָואס דֶער מֶדְרָשׁ דֶערְצֵיילְט אַז עֶס אִיז אַמָאל גֶעקוּמֶען אַ פָּאר-פָאלְק צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אַז זֵיי ווִילְן זִיךְ גֶט'ן וַוייל עֶס אִיז שׁוֹין דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט פוּן זֵייעֶר חֲתוּנָה אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הָאבְּן קִינְדֶער.

הָאט זֵיי רֶבִּי שִׁמְעוֹן גֶעזָאגְט אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ גֶט'ן אָבֶער אַזוֹי ווִי בַּיי זֵייעֶר חֲתוּנָה הָאבְּן זֵיי גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה, זָאלְן זֵיי יֶעצְט אוֹיךְ מַאכְן אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיים זִיךְ גֶט'ן.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע סְעוּדָה בַּיי זֵיי אִינְדֶערְהֵיים, דֶער מַאן הָאט זִיךְ אָנְגֶעטְרִינְקֶען מִיט וַויין בַּיי דִי סְעוּדָה, אוּן נָאךְ דִי סְעוּדָה הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זַיין וַוייבּ שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט: "וֶוען דוּ גֵייסְט יֶעצְט אַהֵיים צוּ דַיין טַאטֶע'ס הוֹיז קֶענְסְטוּ דִיר אוֹיסְקְלוֹיבְּן סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס דוּ דַארְפְסְט פוּן דָא אוּן עֶס מִיטְנֶעמֶען מִיט דִיר", אוּן אַזוֹי אִיז עֶר אַיינְגֶעשְׁלָאפְן שִׁיכּוֹר'עֶרְהֵייט.

וֶוען דֶער מַאן אִיז שׁוֹין טִיף גֶעשְׁלָאפְן, הָאט דִי פְרוֹי גֶעזָאגְט פַאר אִירֶע קְנֶעכְט אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם מַאן מִיט זַיין בֶּעט אוּן אִים אַרִיבֶּערְטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז.

זֵיי הָאבְּן אַזוֹי גֶעטוּן, זֵיי הָאבְּן אִים אַרִיבֶּער גֶעטְרָאגְן צוּ אִיר טַאטֶע'ס הוֹיז מִיט זַיין בֶּעט. וֶוען דֶער מַאן הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט אוּן עֶר הָאט גֶעזֶען וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ, הָאט עֶר אִיר גֶעפְרֶעגְט: "וואוּ גֶעפִין אִיךְ זִיךְ דָא?" הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ הָאסְט מִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ קֶען נֶעמֶען סַיי וֶועלְכֶע גוּטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ ווִיל פוּן דַיין הוֹיז, אוּן עֶס אַהֵיים טְרָאגְן צוּ מַיין טַאטֶע'ס הוֹיז, אוּן דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ דִיר גֶענוּמֶען, דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיךְ אוֹיסְגֶעקְלִיבְּן"...

זֶענֶען זֵיי צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ רֶבִּי שִׁמְעוֹן, זֵיי הָאבְּן אִים דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה, אוּן גֶעפְרֶעגְט וָואס זֵיי זָאלְן טוּן וַוייטֶער. וֶוען עֶר הָאט גֶעהֶערְט דִי מַעֲשֶׂה הָאט עֶר זֵיי גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ אַזוֹי, אַז אִיר הָאט זִיךְ אַזוֹי שְׁטַארְק לִיבּ, זָאלְט אִיר טַאקֶע בְּלַייבְּן אִינְאֵיינֶעם, אוּן אִיךְ ווַואוּנְטְשׁ אַייךְ אָן אַז אִיר זָאלְט גֶעהָאלְפְן וֶוערְן מִיט קִינְדֶער". אוּן אַזוֹי אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען אַז זֵיי זֶענֶען גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן מִיט לִיכְטִיגֶע גֶעזוּנְטֶע קִינְדֶער.

זֶעט מֶען ווִי רֶבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי הָאט גֶעהָאלְפְן אִידְן צוּ הָאבְּן קִינְדֶער. אוּן דֶערְפַאר אִיז דֶער טָאג לַ"ג בָּעוֹמֶר, וָואס דֶעמָאלְט אִיז זַיין יוֹמָא דְהִילוּלָא, מְסוּגָל פַאר קִינְדֶער.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ עֶרֶךְ לַ"ג בָּעוֹמֶר)

## ~ פֶּסַח שֵׁנִי ~

פוּן דִי מִצְוָה פוּן פֶּסַח שֵׁנִי קֶען זִיךְ יֶעדֶער אִיד אַרוֹיסְנֶעמֶען אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת אִין יֶעדְן מַצָב. עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא בַּיים עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעקֶענְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, זֵיי הָאבְּן אָבֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְּן, נָאר זֵיי זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם צַדִיק, צוּ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ, אוּן גֶע'טַעֲנֶה'ט "לָמָּה נִגָּרַע?" - פַארְוָואס זָאלְן מִיר זַיין ווֶוייניגֶער? מִיר ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן גֶערֶעכְט אוּן גֶעזָאגְט אַז זֵיי וֶועלְן קֶענֶען מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח אִין פֶּסַח שֵׁנִי.

דָאס אִיז אַ מוּסַר הַשֵּׂכֶל פַאר יֶעדְן אִיד. אֲפִילוּ וֶוען עֶס לוֹיפְן אַדוּרְךְ טֶעג וָואכְן אוּן חֳדָשִׁים מִיט גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען גֶעדֶענְקֶען אַז עֶס אִיז קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּ שְׁפֶּעט, מֶען קֶען אֵייבִּיג אָנְהֵייבְּן פוּן נַיי צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אַזוֹי ווִי דִי אִידְן וָואס הָאבְּן פַארְפַּאסְט דֶעם עֶרְשְׁטְן קָרְבַּן פֶּסַח, וָואס דֶעמָאלְט זֶענֶען דִי אִידְן אַרַיין אִין דִי קְדוּשָּׁה, אוּן זֵיי הָאבְּן נָאכְאַלְץ גֶעהַאט אַ תַּקָנָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד.

דֶער צַדִיק רֶבִּי יִשְׂרָאֵל סַאלַאנְטֶער ז"ל אִיז אַמָאל אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ אַ שׁוּסְטֶער אַבִּיסְל שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט, עֶר הָאט זִיךְ אַנְטְשׁוּלְדִיגְט פַארְ'ן קוּמֶען אַזוֹי שְׁפֶּעט, אָבֶער מַמָּשׁ יֶעצְט הָאט זִיךְ זַיין שִׁיךְ צוּרִיסְן, אוּן עֶר ווִיל ווִיסְן אוֹיבּ דֶער שׁוּסְטֶער קֶען עֶס נָאךְ פַארְעֶכְטְן. הָאט דֶער שׁוּסְטֶער גֶעזָאגְט: "ווִי לַאנְג דִי לִיכְט בְּרֶענְט נָאךְ, קֶען אִיךְ עֶס נָאךְ פַארְעֶכְטְן".

המשך בדף ג

# סֵדֶר הַיְשִׁיבָה

ה

### ווי אַזוֹי שְׁטַייגְט מֶען אִין תּוֹרָה?

בִּיז אַהֶער הָאבְּן מִיר גֶערֶעדְט פוּן דִי סְדָרִים אִין יְשִׁיבָה, וְוי אַזוֹי מֶען דַארְף זִיךְ הַאלְטְן שְׁטַארְק מִיט דִי סְדָרִים וָואס דִי יְשִׁיבָה הָאט אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ פַאר אַ בָּחוּר צוּ וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז וְוי לַאנְג עֶר אִיז אִין יְשִׁיבָה הָאט עֶר אַ פְּלִיכְט צוּ פָאלְגְן דִי סֵדֶר וָואס דִי יְשִׁיבָה הָאט אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט, עֶר דַארְף זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן אִינְגַאנְצְן צוּ דִי סְדָרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט מְסַדֵר גֶעוֶוען.

מֶען דַארְף זֵייעֶר שְׁטַארְק מְכַבֵּד זַיין אַ רֹאשׁ יְשִׁיבָה. דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קי״ד) ״כָּל הַמְקַבֵּל פְּנֵי רַבּוֹ כְּאִלּוּ מְקַבֵּל פְּנֵי שְׁכִינָה״, דִי חֲזַ״ל פַארְגְלַייכְן דָאס מְכַבֵּד זַיין אַ רֶבִּי׳ן אַזוֹי וְוי מֶען דַארְף מְכַבֵּד זַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אוּן דִי חֲזַ״ל דְרוּקְן זִיךְ אוֹיס זֵייעֶר הַארְבּ אוֹיף אֵיינֶעם קְרִיגְט זִיךְ מִיט זַיין רֶבִּי׳ן, אוּן זֵיי פַארְגְלַייכְן דָאס אוֹיךְ אַזוֹי וְוי מֶען וָואלְט זִיךְ גֶעקְרִיגְט מִיט׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן חַ״ו, אַזוֹי וְוי דִי גְמָרָא זָאגְט (סַנְהֶדְרִין ק״י.) ״כָּל הַחוֹלֵק עַל רַבּוֹ כְּחוֹלֵק עַל הַשְּׁכִינָה, כָּל הָעוֹשֶׂה מְרִיבָה עִם רַבּוֹ כְּעוֹשֶׂה מְרִיבָה עִם הַשְּׁכִינָה, כָּל הַמְהַרְהֵר אַחַר רַבּוֹ כִּמְהַרְהֵר אַחַר הַשְּׁכִינָה״.

לַיידֶער אִיז דָאס שְׁטַארְק אַיינְגֶעגְרִיסְן אַז בָּחוּרִים הָאבְּן נִישְׁט קַיין דֶרֶךְ אֶרֶץ פַאר זֵייעֶר רֹאשׁ יְשִׁיבָה אוּן פַאר דִי הַנְהָלַת הַיְשִׁיבָה, מֶען אִיז זִיךְ מִתְחַצֵף קֶעגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה חַ״ו, אָדֶער גֵייט עֶס נָאךְ וַוייטֶער אַז מֶען הֶעצְט אָן אוֹיךְ אַנְדֶערֶע בָּחוּרִים קֶעגְן דִי יְשִׁיבָה, דָאס אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע פַארְבְּרֶעךְ. אַ בָּחוּר וָואס הָאט גֶעטוּן אַזַא זַאךְ מוּז גֵיין אִיבֶּערְבֶּעטְן זַיין רֹאשׁ יְשִׁיבָה עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין, וַוייל אוֹיבּ נִישְׁט וֶועט אִים זֵייעֶר נִישְׁט גוּט זַיין.

אַ יְשִׁיבָה מוּז זִיךְ פִירְן מִיט אַ סֵדֶר, אוּן דִי בָּחוּרִים מוּזְן זִיךְ צוּשְׁטֶעלְן צוּ דֶעם סֵדֶר, אוּן נָאר אַזוֹי קֶען מֶען זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי״ה

# שִׁיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ

המשך

רֶבִּי יִשְׂרָאֵל זַ״ל אִיז זֵייעֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי וֶוערְטֶער וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, ״דָאס אִיז דָאךְ אַ גֶעוַואלְדִיגֶע מוּסַר הַשֵּׂכֶל. וְוי לַאנְג דִי לִיכְט, וָואס דָאס אִיז דִי נְשָׁמָה, בְּרֶענְט נָאךְ; קֶען מֶען אַלֶעס פַארֶעכְטְן״, אוּן עֶר פְלֶעגְט דָאס אִיבֶּער׳חַזְר׳ן זַיין גַאנְץ לֶעבְּן, ״וְוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט נָאךְ, קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן״.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב׳ סִימָן ח׳) ״קַיין יִאוּשׁ אִיז גָארְנִישְׁט פַארְהַאן״, ״אוֹיבּ דוּ גְלֵייבְּסְט אַז דוּ קֶענְסְט פַארְדַארְבְּן, גְלֵייבּ אַז דוּ קֶענְסְט אוֹיךְ פַארֶעכְטְן״ (שָׁם, קי״ב), וַוייל וְוי לַאנְג אַ מֶענְטְשׁ לֶעבְּט קֶען עֶר אַלֶעס פַארֶעכְטְן.

אֵיין זַאךְ דַארְף מֶען אָבֶּער גֶעדֶענְקְן, אַז דָאס דַארְף גֵיין דוּרְךְ אַ צַדִיק. אַזוֹי וְוי מִיר זֶעעֶן אַז דִי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט מַקְרִיב זַיין דֶעם קָרְבַּן פֶּסַח הָאבְּן גֶעדַארְפְט גֵיין צוּם צַדִיק מֹשֶׁה רַבֵּינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעהָאלְפְן. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז אִין אַלֶע דוֹרוֹת, וֶוען אַ אִיד כַאפְּט זִיךְ אַז עֶר פַארְבְּרֶענְגְט דִי יָארְן מִיט נַארִישְׁקַייטְן, אוּן עֶר גֵייט צוּם צַדִיק, אוּן עֶר פָאלְגְט וָואס דֶער צַדִיק לֶערְנְט אִים, וֶועט עֶר זִיכֶער אַלֶעס פַארֶעכְטְן אוּן וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ט״ו עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)

## אַ הִימְל מֶענְטְשׁ

פֶּסַח שֵׁנִי מֶעג מֶען הָאבְּן חָמֵץ אוּן מַצָּה צוּזַאמֶען אִינְדֶערְהֵיים, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז מֶען קֶען הָאבְּן גַשְׁמִיוּת אוּן רוּחְנִיוּת אִינְאֵיינֶעם.

עֶס אִיז דָא אַ טָעוּת וָואס מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז צוּ זַיין אַ צַדִיק, אַ ״הִימְל מֶענְטְשׁ״, דַארְף מֶען זִיךְ אִינְגַאנְצְן אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט, זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִינְדֶערְהֵיים אוּן נִישְׁט רֶעדְן מִיט קֵיינֶעם.

דִי חֲזַ״ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה ד, ז) ״פַארְוָואס הֵייסְט דִי הִימְל ״שָׁמַיִם״? וַוייל עֶס אִיז צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט פוּן אֵשׁ אוּן מַיִם״ - פוּן פֵייעֶר אוּן פוּן וַואסֶער, פוּן צְוַויי קֶעגְנְזַייטִיגֶע זַאכְן. וַואסֶער לֶעשְׁט אוֹיס פֵייעֶר, אוּן פֵייעֶר טְרוּקְנְט אוֹיס וַואסֶער, אוּן וֶוען דִי בֵּיידֶע זַאכְן שְׁטֶעלְן זִיךְ צוּזַאם וֶוערְט דָאס אַ הִימְל.

דָאס מֵיינְט אַ ״הִימְל מֶענְטְשׁ״, פוּן אֵיין זַייט לֶעבְּט עֶר אוֹיף דִי וֶועלְט מִיט זַיין וַוייבּ אִין קִינְדֶער אוּן עֶר הַאנְדְלְט מִיט מֶענְטְשְׁן, אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אִיז עֶר אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר דַאוֶוענְט דְרֵיי מָאל אַ טָאג מִיט מִנְיָן, עֶר כַאפְּט אַרַיין יֶעדְן טָאג עֶטְלִיכֶע פְּסוּקִים חוּמָשׁ, אַבִּיסְל מִשְׁנַיוֹת, אַבִּיסְל גְמָרָא, אוּן אַבִּיסְל שֻׁלְחָן עָרוּךְ. דָאס אִיז אַ רִיכְטִיגֶע הִימְל מֶענְטְשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק י״ד עֶרֶךְ פֶּסַח שֵׁנִי)







## הבטחת מוהרא״ש

**מוהרא״ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז**
**ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

## אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה**
**און געהאלפן ווערן מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן ״אשר בנחל״ און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שויז 845-248-1651**

# מִלֵי דְאָבוֹת

## נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

**כָּל הַשּׁוֹכֵחַ דָּבָר אֶחָד מִמִּשְׁנָתוֹ, מַעֲלָה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ.**

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק סִימָן נ"ד) אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר הִיטְן אוֹיפְ'ן זִכָּרוֹן אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג גֶעדֶענְקֶען פוּן יֶענֶע וֶועלְט, אַז מֶען זָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן אַז מֶען בְּלַייבְּט נִישְׁט דָא אוֹיף אֵייבִּיג. אַ אִיד דַארְף שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן אַז עֶר דַארְף לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, צוּ גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אַלֶעמָאל מִיט אִים, אוּן דוּרְךְ דֶעם וֶועט עֶר מַמְשִׁיךְ זַיין אוֹיף זִיךְ דִי לִיכְטִיגְקַייט פוּן עוֹלָם הַבָּא. יֶעדֶע מִצְוָה וָואס מֶען טוּט, אוּן דִי זֶעלְבֶּע וֶוען מֶען לֶערְנְט תּוֹרָה, דַארְף מֶען אִינְזִין הָאבְּן אַז דָאס זָאל בְּרֶענְגֶען דֶעם מֶענְטְשׁ נֶענְטֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דָאס זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס זָאגְט דִי מִשְׁנָה כָּל הַשּׁוֹכֵחַ דָּבָר "אֶחָד" מִמִּשְׁנָתוֹ, וֶוען אַ אִיד פַארְגֶעסְט פוּנֶעם אֵיינְצִיגְן הֵיילִיגְן בַּאשֶׁעפֶער. מַעֲלָה עָלָיו הַכָּתוּב כְּאִלּוּ מִתְחַיֵּב בְּנַפְשׁוֹ, דַארְף עֶר וִויסְן אַז זַיין נְשָׁמָה הָאט זִיךְ דֶערְוַוייטֶערְט פוּן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן עֶר דַארְף אָנְהוֹיבְּן צוּ בֶּעטְן אַסַאךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל קֵיינְמָאל נִישְׁט פַארְגֶעסְן פוּן אִים.

(נַחֲלַת אָבוֹת פֶּרֶק ג׳ מִשְׁנָה י׳)

---

# מוסדות היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## הרה"ג מוה"ר יצחק לעזער שליט"א

**צו די געבורט פון אן אייניקל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון אלע קינדער און אייניקלעד, בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

---

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

## מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו

אדמיניסטרעטער דמוסדותינו הק׳

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד אוו פוו אלע זיינע קינדער. בני ברוכי חיי אריכי ומזוני רויחי וסייעתא דשמיא

---

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה לייבי ראטענבערג הי"ו**

**צו די געבורט פון א מיידל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער. דורות ישרים ומבורכים.

---

# סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

**מו"ה הערשי בוים הי"ו**

**צו די געבורט פון א אינגל למז"ט**

דער אייבערשטער זאל העלפן אז ער זאל זעהן אסאך אידיש נחת פון זיינע קינדער, דורות ישרים ומבורכים.

---

# שהשמחה במעונם

קידושא רבה - מו"ה לייבי ראטענבערג הי"ו

בביהמ"ד היכל הקודש ברסלב - וויליאמסבורג

**27 Skillman St.**

*

שלום זכר - מו"ה מנחם שטיינבערג הי"ו

בבית מו"ה מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו

**263 Classon Ave. #5-J**

---

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## פילע אנשי שלומינו ערווארטעט צום דינער השנתי

דעם קומענדיגן דאנערשטאג וועט אי"ה פארגעקומען דער יערליכער דינער לטובת מוסדותינו הקדושים, אינאיינעם מיט די סעודת ל"ג בעומר לכבוד התנא האלקי רבי שמעון בן יוחאי.

אזוי ווי אין די פארגאנגענע יארן, איז ערווארטעט אז אויך דאס יאר וועלן זיך צוזאמקומען א גרויסער עולם פון אנשי שלומינו און פילע אידן, מיטצוהאלטן דעם דינער השנתי, וואס וועט באגלייט ווערן מיט גאר א רייכער און שיינער פראגראם פון וואס יעדער וועט אי"ה זייער הנאה האבן.

שיינע אינהאלטסרייכע דרשות ווערן געהערט ווערן איבער די בלי און וואוקס פון די הייליגע מוסדות און איבער די טעמע פון חינוך הילדים, ווי אזוי עלטערן דארפן מחנך זיין די קינדער אויף א וועג אז זיי זאלן אויפוואקסן ערליך און וואויל, און מען זאל זען פון זיי אסאך אידיש נחת.

אן ערשט-מאליגע "חינוך פאנעל" וועט פארגעשטעלט ווערן, וואו עס וועט געענטפערט ווערן פילע פראגן אין עניני חינוך דורך ערפארענע מחנכים פון אונזערע מוסדות.

א הערליכע סלייד פרעזענטאציע וועט געוויזן ווערן, די היסטאריע פון די מוסדות פון ווען עס איז געעפנט געווארן ביז'ן הייניגן טאג. ווי אזוי די קינדער פארברענגען אין חדר און ווערן אנגעפילט מיט תורה, תפלה, יראת שמים און מדות טובות.

די קינדער פון תלמוד תורה וועלן אי"ה פארשטעלן א הערליכע פארשטעלונג "די יוגנט יארן פון רבי'ן", וואס וועט האלטן דעם עולם געשפאנט און באגייסטערט.

אויסער דעם איז ערווארטעט נאך פילע איבערראשונגען במשך דעם רייכן פראגראם. נאך די סעודה וועט פארקומען די געהויבענע ריקודין ומחולות לכבוד התנא האלקי.

מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף וועט דער דינער השנתי געקרוינט ווערן מיט גרויס סוקסעס, און די אלע באטייליגטע וועלן אי"ה שטארק הנאה האבן.

**תורתו מגן לנו הוא מאירת עינינו!**

***

## יערליכע פארטי לטובת מוסדותינו הק׳

דעם קומענדיגן זונטאג פרשת בהר וועט אי"ה פארגעקומען דער יערליכער פארטי לטובת מוסדותינו הקדושים.

די פארטי וועט פארקומען אין שטוב פון די חשובע מרת ניימאן (פראממער שתחי׳, וואס איז באקאנט מיט אירע פילע לייסטונגען ארויסצוהעלפן אידישע קינדער איבעראל, און ספעציעל איז זי גאר שטארק איבערגעגעבן פאר אונזערע מוסדות, און זי העלפט שטענדיג ארויס מיט גרויס איבערגעגעבנקייט.

ביי די פארטי וועט זיין ווערטפולע ראפפעלס, און עס וועט זיין צוגעשטעלט בעביסיטינג במשך דעם גאנצן טאג.

עס איז ערווארטעט אז עס וועלן קומען פילע פרויען צו די פארטי צו מחזק זיין די הייליגע מוסדות.

**חכמות נשים בנתה ביתה!**

---

# מחנה היכל הקודש ברסלב

**נתייסדה ע"י כ"ק מוהרא"ש זי"ע**

## וכל העוסקים בצרכי ציבור האמונה

מיר ווילן אויסדרוקן א גרויסן דאנק און אן הכרת הטוב פאר

## מו"ה שבתי מזרחי הי"ו

**וואס האט זיך אנגעשטרענגט און שווער געארבעט צוצושטעלן דעם נייעם קעמפ און קאנטרי פאר די ישיבה און אנשי שלומינו, אויפ'ן שענסטן פארנעם.**

ר׳ שבתי איז גאר שטענדיג גאר שטארק איבערגעגעבן פאר אונזערע הייליגע מוסדות, און ספעציעל מיט'ן צושטעלן די קעמפ און קאנטרי די לעצטע יארן אז אלעס זאל זיין על צד היותר טוב. דער אייבערשטער זאל העלפן אז די זכותים זאלן אים ביישטיין אז ער זאל האבן גרויס הצלחה בכל מעשי ידיו, ובכל אשר יפנה ישכיל ויצליח.

## הקב"ה ישלם שכרם

---

**צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל > breslevcenter@gmail.com ~ האט ליינס > 212-444-9191/ ארץ ישראל 04-3721002/ פרויען 559-670-1543**

**צו באקומען טעגליך די חיזוק יומי > אויף אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876/ אודיא אויפ'ן טעלעפאן 212-444-9191 #86**